# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קע"ח – במדבר תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


תתתתצט) עס דערציילט מיין עלטער באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' יושע כ"ץ ע"ה

איר פאטער איז געווען הרה"ח ר' נתן יאנקלאוויטש ע"ה - א אור אייניקל פון הג"ר יצחק יעקב פייגלבוים זצ"ל ראב"ד ווארשא - ער איז געווען א גרויסער מכניס אורח, און כסדר פלעגן זיין געסט אין שטוב צום עסן און צו שלאפן, עס איז נישט געווען קיין טאג וואס עס זענען נישט געווען קיין געסט אין שטוב. אויב האבן זיי געהאט שמוציגע קליידער פלעגן די טעכטער שווער ארבעטן אויסצוואשן די קליידער.

די באבע ע"ה פלעגט באקן ברויט פאר די בחורים פון די שכינות'דיגע ישיבה, און זי האט געטיילט אסאך צדקה, אזוי אויך פלעגט זי באקן בילקעלעך אויף שבת וואס די טעכטער פלעגן פארטיילן פאר ארימע משפחות און די בחורים פון די ישיבה.

איינמאל איז אנגעקומען אין שטוב א איד רבי חיים ע"ה א שוחט, און ער האט דערציילט אז ער איז געווען אויפן וועג אהיים צו א ווייטערע שטאט, און ער איז געגאנגען אויפן וועג מיט נאך צוויי גוים. אינמיטן וועג האט זיך אראפגעלאזט א שווערע שניי און פרעסט, און זעהנדיג אז זיי וועלן נישט קענען אנקומען ביז אהיים, האט זיך ר' חיים אפגעטיילט פון די גוים, כאטש זיי האבן געוואלט אז ער זאל בלייבן מיט זיי צוזאמען איז ער אנטלאפן און אנגעקומען צו אונז אין שטוב, וואו ער האט זיך אויפגעהאלטן די גאנצע וואך ביז די פרעסט האט נאכגעלאזט, דעמאלטס איז ער אהיים געפארן.

שפעטער האט מען געטראפן די צוויי גוים פארפרוירן צום טויט ל"ע אונטערוועגנס, און וואוסנדיג אז ר' חיים איז געגאנגען אויפן וועג מיט די גוים האט מען איהם באוויינט, מיינענדיג אז ער איז אויך ערגעץ פארפרוירן געווארן.

במשך די צייט איז דער זיידע ר' נתן געווען אין סעליש ביי זיין רבי'ן הגה"ק בעל חקל יצחק מספינקא זצ"ל און צוליב דעם קאלטן וועטער האט ער אויך נישט געקענט אהיימקומען. נאך עטליכע טעג ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער דערציילט די טרויעריגע בשורה אז דער שוחט ר' חיים איז ל"ע פארפרוירן געווארן אין די שניי. האבן זיי אים דערציילט אז ער לעבט, און ער האט זיך אויפגעהאלטן ביי זיי אין שטוב די גאנצע צייט. (יואל פישער)

תתתתקב) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' חיים שטערן הי"ו

איך האב אמאל געהאט פראבלעמען מיט מיינע מארגעטשעס אין די באנק, און מיין לויער האט מיך איין טאג אנגערופן און געזאגט אז מ'וועט זיך דארפן אראפזעצן מיט די באנק, און איבערגיין אלע פאפירן און חשבונות און זעהן וואס מ'קען דא מסדר זיין. אבער ווי עס קוקט אויס איז דער מצב נישט גוט, און דער סוף וועט זיין אז די באנק וועט דארפן אוועק נעמען מיין הויז.

זייענדיג שטארק אדוק אין הרה"ק רבי הערשעלע מספינקא זצוק"ל, בין איך אריבערגעגאנגען צו אים, און אים דערציילט איבער מיין צרה. זאגט מיר דער ספינקער רבי "איך קען זיך נישט אויס אין אזעלכע גרויסע נומערן, גיי אריבער צום סאטמארער רב (מרן הברך משה זי"ע) ער קען זיך בעסער אויס אין דעם".

איך האב נישט געהאט קיין גרויסן שייכות מיטן סאטמארער רבי'ן ביז דעמאלטס, אבער אז דער ספינקער רבי הייסט אזוי בין איך אריבערגעגאנגען, און אראפגעלייגט א קוויטל מיט א פדיון פון הונדערט דאללער, און געזאגט מיין צרה, און איך בין געווען געריכטן אז דער רבי וועט מיך ווארעם אנוואונטשן.

דערווייל הער איך ווי דער רבי זאגט "ווער זאגט אז זיי וועלן טרעפן די פאפירן?".

איך האב געזעהן אז דער רבי האט נישט פארשטאנען מיינע ווערטער, האב איך איבערגעזאגט מיין פראבלעם, אבער דער רבי זאגט "איך האב דיר שוין איינמאל געזאגט, ווער זאגן אז זיי וועלן טרעפן די פאפירן?".

איך בין ארויסגעגאנגען פון רבי'נס צימער זייער אנטוישט, איך האב אפילו געטראכט אז איך האב געגעבן א פדיון פון $100 און ניטאמאל האב איך באקומען א געהעריגע ברכה, נאר דער רבי האט מיך געפרעגט א מאדנע שאלה.

עטליכע טעג שפעטער רופט מיך אן מיין לויער, ער איז אויסער זיך און ער האט נישט די ווערטער אין מויל. וואס איז? די באנק רופט אים אן פרעגן צו ער האט ערגעץ אוועק געלייגט א קאפיע פון די פאפירן פון דעם קעיס, ווייל זיי האבן דאס פארלוירן, און זיי האבן נישט מער קיין שום אינפארמאציע איבער מיר...

ווי פארשטענדליך האבן מיר עס אויך נישט געהאט... און ביזן היינטיגן טאג האב איך מער נישט געהערט פון זיי.

דעמאלטס האב איך פארשטאנען אז דעם רבי'נס שאלה "ווער זאגט אז זיי וועלן טרעפן די פאפירן", דאס האט גע'פועל'ט די ישועה". (יואל כ"ץ, יוסף, כ"ץ, יושע נחמן כ"ץ, יחיאל הכהן רובין)

תתתתקא) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש ע"ה

איר פאטער ע"ה האט זיך שטארק געפלאגט פאר פרנסה, און זי האט געארבעט אלס מיידל און אלעס וואס זי האט פארדינט האט זי געגעבן פאר איר טאטן, אז ער זאל קענען חתונה מאכן די קינדער.

איר מאמע ע"ה האט איר געזאגט אז בזכות זה וואס זי העלפט דעם טאטן חתונה מאכן די קינדער, וועט זי אים חתונה האבן צו א מאן א תלמיד חכם, וועלכער וועט זיצן אויף קעסט און לערנען במשך זיין גאנצן לעבן.

אינצווישן האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה נאך פאר זי האט חתונה געהאט, און איר מאמע ע"ה צוזאמען מיט די גאנצע משפחה זענען ליידער אומגעקומען אויף קידוש השם.

נאך די מלחמה האט זי געהאט א חלום ווי איר מאמע זאגט איר אז זי זאל חתונה האבן צום זיידן רבי שלמה מנשה ז"ל. זי האט פארשטאנען אז די מאמע ע"ה וויל דא אפצאלן איר הבטחה וואס זי האט איר געגעבן, און זי האט טאקע חתונה געהאט מיטן זיידן, וועלכער איז כל ימיו געזעסן און געלערנט תורה מיט אידישע קינדער, און כאטש ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין סך געלט, איז ער אבער אויך נישט שולדיג געבליבן קיין חובות פאר קיינעם, און ער האט חתונה געמאכט זיינע קינדער אן קיין חובות. זי האט געשפירט ווי איר מאמע פון הימל האט אינזינען צו איינהאלטן איר צוזאג. (אפרים יואל פארגעס, שלמה מנשה ביטמאן, שלמה מנשה בר"י פאלקאוויטש, שלמה מנשה בר"מ פאלקאוויטש, יצחק שמואל סעגעדין, יעקב ביטמאן, יודא פארגעס, יעקב פאלקאוויטש, מרדכי יודא ביטמאן, ישראל מאיר פאלקאוויטש, יצחק פאלקאוויטש, שלמה מנשה פייערשטיין, שלמה מנשה פריעדמאן)

תתתתקב) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' אפרים שמואל פעלדמאן הי"ו

נאך די צווייטע וועלט מלחמה איז געקומען צו מיר א איד און ער פרעגט מיך צי איך הייס 'אפרים שמואל פעלדמאן', ווען ער האט געהערט אז איך בין דאס, זאגט ער "איך בין געקומען צו פארן אהער א וועג פון עטליכע שעה, ווייל איך וויל זעהן דאס קינד אויף וועמען מ'האט אזויפיל געבעטן"...

דערציילט מיר דער איד אז ער איז געווען אין די מלחמה מיט מיין טאטן הרה"ח ר' יצחק אלחנן ז"ל, און ער האט מיטגעהאלטן ווי אזוי יעדן איינציגן טאג האט מיין טאטע מתפלל געווען צום אייבערשטן אז לכל הפחות זאל זיין עלטסטער זון איבערלעבן די מלחמה, ווייל "מיין אפרים שמואל קען שוין אליינס לערנען א בלאט גמרא, זאל ער כאטש ניצל ווערן".

מיין טאטע ז״ל האט איבערגעלעבט די קריג, אבער נאך די מלחמה איז ער קראנק געווארן אויף טיפוס ל״ע, און ער איז נפטר געווארן איין וואך נאכדעם וואס די מלחמה האט זיך געענדיגט, הי״ד. (דוד יודא פעלדמאן, משה פעלדמאן, יעקב יודא טויב, אליעזר טויב, אברהם מערץ, יוסף שלמה קלאר, יחיאל אלטר טויב, משה טויב)

**תתתתקג) עס דערציילט אונזער זיידע**
## הרה״ח ר׳ משה פאגעל הי״ו

איך האב געהערט פון א איד וואס געדענקט ווי אין איינע פון די ערשטע יארן דא אין אמעריקע בשעת דער רבי מרן הדברי יואל זי״ע האט אפגעראכטן זיין הייליגע עבודה ביי די הקפות וואס איז כידוע געווען למעלה מהשגת אנוש. איינמאל איז אין ביהמ״ד אריינגעקומען א מאדערנער איד וואס איז געגאנגען אן א בארד, און ווען דער רבי האט אים באמערקט האט ער זיך אפגעשטעלט שמועסן מיט איהם מיט גרויס חביבות.

דער ציבור האט זיך געוואונדערט מיט וועמען קען דער רבי שמועסן אינמיטן זיין הייליגע עבודה, ווען עס איז איז ראשו מגיע השמימה מיט א אומבאשרייבליכע דבקות און התעוררות, האבן זיי מחליט געווען אז דער איד מוז אוודאי זיין אליהו הנביא.

מיט א צייט שפעטער איז אויסגעקומען פאר דעם איד צו פארן מיט די טרעין, און ביי די סאבוועי באגעגנט ער דעם איד, גייט ער צו צו דעם איד און ער פרעגט אים ״וואס האט איר געשמועסט מיטן סאטמארער רבי׳ן ביי די הקפות?״.

ענפערט דער איד ״זייער פשוט, איך בין א קורצע צייט פריער ארויסגעקומען פון רומעניען, בין איך צוגעגאנגען צום רבי׳ן און דערציילט אז איך בין לעצטענס אנגעקומען קיין אמעריקע, און איך געדענק נאך דעם רבי׳נס הקפות פון סאטמאר, דער רבי האט זיך זייער געפריידט צו מיר, און מיך אויסגעפרעגט צי איך האב פרנסה, און צי מיינע קינדער זענען מסודר אין מוסדות, און אין וועלכע מוסדות, און נאכדעם האט דער רבי ווייטער געפירט די הקפות״.

די מעשה רעדט פאר זיך ווי אזוי דער רבי, דער גרויסער מנהיג ישראל, האט זיך אראפגעלאזט צו יעדן פשוט׳ן איד אימיטן די סאמע העכסטע עבודות און אזוי מקרב געווען די אידן צו אידישקייט. (שמעי׳ ברוך גאלד, יעקב זילבערשטיין)

**תתתתקד) עס האט דערציילט אונזער באבע תחי׳ אשת**
## הרה״צ רבי יוסף חיים הכהן גלאנץ ז״ל מבארדיוב

פאר די מלחמה האבן מיר געוואוינט אין האלאש-אונגארן דארט איז געווען איינגעפירט אזוי ווי אין אלע היימישע פלעצער, אז מ׳האט אליין כשר געמאכט דאס פלייש.

שפעטער נאך די מלחמה ווען מיר זענען אנגעקומען קיין ניו יארק האט מען שוין יא געקענט קויפן פארטיג כשר געמאכטע פלייש, אבער דאך האט די מאמע נישט געוואלט משנה זיין ווי אזוי מ׳האט זיך געפירט ביז היינט, און זי האט ווייטער אליינס כשר געמאכט דאס פלייש אינדערהיים, כאטש זי איז אהערגעקומען אליינס אלס אלמנה מיט א שטוב מיט קינדער און קליינע קינדער, און די ארבעט פון כשר מאכן האט שטארק אנגעשטרענגט די שטוב ארבעט, האט זי דאך נישט געוואלט משנה זיין פונדערהיים.

ביז ווען דער רבי מרן **בעל דברי יואל** זי״ע האט מייסד געווען זיין אייגענעם בוטשער סטאר, און ער האט געזאגט אז דאס פלייש וואס מ׳קויפט דא איז די מערסטע פארלעסליך האט די באבע אויפגעהערט אליינס כשר מאכן, און נאר געקויפט ווייטער אין אונזער בוטשער סטאר, ווייל א ווארט פונעם רבי׳ן איז ביי זיי געווען זייער הייליג. יעקב בהגרי״ד הכהן גלאנץ, יעקב ברא״י הכהן גלאנץ, אברהם שמעון הכהן גלאנץ)

**תתתתקה) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער**
## הגה״צ רבי שמואל בראך שליט״א אב״ד נאנאש

אינמאל צווישן מנחה מעריב ווען איך בין געווען ביי **רביה״ק בעל דברי יואל** זי״ע און דער רבי האט שוין געהאט אנגעגאסן דאס טעפל גרייט זיך צו וואשן די הענט צום דאווענען, רופט ער זיך אן צום משב״ק רבי יוסף אשכנזי ע״ה ״דער רבי פון לובלין ז״ל שרייבט אין די הקדמה פון די ספרים אז ער האט געשריבן א פירוש אויף קדשים, נאר אזוי ווי עס איז רבים משכימים לפתחו, האט ער נישט קיין צייט צו מאכן דעם חיבור״.

זאגט דער רבי ״נו, וואס זאל איך זאגן, שרייבן דעם ויואל משה און נעמען קוויטלעך, מיט די ישיבה... וואס בין איך אז דער רבי פון לובלין האט נישט דערהויבןביידע, וואס זאל איך זאגן?!״. (שמעון ארי׳ מייזעלס, יעקב הכהן גלאנץ)

**תתתתקו) עס דערציילט אונזער פעטער**
## הרה״ח ר׳ זלמן לייב סופר הי״ו

עס איז געווען בשנת תשנ״ז לפ״ק גלייך נאך פסח האב איך געמאכט א ברית פאר מיין זון נ״י, און איך בין אריבערגעגאנגען פארן וואכנאכט לביתו נאוה קודש פון **רביה״ק בעל ברך משה** זי״ע אים מכבד זיין מיט סנדקאות.

ווען איך בין אנגעקומען האט דער רבי געהאלטן אינמיטן לערנען א שיעור מיטן משב״ק הרה״ח ר׳ שמואל הכהן פריעדמאן שליט״א, און ווי אלעמאל ווען ער איז געווען פארטיפט אין לערנען האט ער בכלל נישט באמערקט וואס טוט זיך ארום אים, און איך האב געמוזט ווארטן היבש לאנג ביז רבי שמואל האט מיך באמערקט, און ער האט זיך ארויסגעכאפט כדי מיר צו שרייבן א קוויטל, איך האב זיך אנטשולדיגט פארן קומען נישט אין די באשטימטע שעות פון קבלת קהל, אבער איך מוז דאך זיין ביים וואכנאכט צייטליך, ממילא קען איך נישט קומען צום רבי׳ן שפעטער. זאגט מיר אבער רבי שמואל אז מ׳וועט מוזן ווארטן ביז דער רבי וועט זיך אויפכאפן פון זיין פארטיפטקייט, ווייל צומאל ווען ער איז זיך שטארק מעמק אין לערנען באמערקט ער גארנישט אויף די וועלט.

אזוי אינצווישן האט דער רבי באמערקט אז רבי שמואל איז נעלם געווארן, האט ער זיך אויפגעשטעלט, און איז ארויסגעקומען פון צימער קוקן וואו ער איז, פונקט האט ער מיר געענדיגט שרייבן דאס קוויטל, און ווען דער רבי האט מיך געזעהן האט ער מיך אריינגערופן און געליינט דאס קוויטל און ווארעם אנגעוואונטשן.

ווען איך האב געזאגט פארן רבי׳ן אז איך וויל מכבד זיין דעם רבי׳ן מיט סנדקאות, רופט ער זיך אן: איך האב הנאה פון דיר, דו ביסט א קלוגער אינגערמאן, וויפיל מאל איך קום אן אינדערפרי אין ביהמ״ד זאגט מען מיר אז עס איז דא א ברית און איך בין סנדק, א סנדקאות דארף דאך האבן א הכנה... מ׳קען דאך נישט פון איין מינוט אויף די צווייטע, זייער גוט אז דו זאגסט מיר פאראויס״... (שמעון גוטמאן, שלום סופר, ישראל ברוך כ״ץ, יואל מיטעלמאן)

**תתתתקז) עס דערציילט מיין עלטער זיידע**
## הרה״צ ר׳ שמואל קרויס זצ״ל בעמח״ס שפתי חן

זיין פאטער הרה״ח ר׳ אברהם משה ז״ל איז געווען א תלמיד פון הגה״ק **רבי שמואל ראזענבערג זצ״ל דער אונסדארפער רב**. פאר זיין פטירה האט ער צוגערופן זיין תלמיד רבי אברהם משה ע״ה און אים געבעטן היות ער לאזט נישט איבער קיין זון וואס זאלן זאגן קדיש און האלטן זיין יארצייט, בעט ער אז ער זאל זאגן קדיש און האלטן די יארצייט מידי שנה בשנה, און ער האט טאקע אזוי געטון.

ווען עס איז אים געבוירן געווארן זיין עלטסטער זון האט ער אים געגעבן א נאמען ״שמואל״ נאך זיין רבי׳ן דער אונסדארפער רב.

ווען דער עלטער זיידע איז אלט געווען צען יאר האט ער באקומען א שווערע לונגען אנצינדונג ל״ע, און ער איז געווען זייער קראנק, אזוי ווייט אז מ׳האט שוין גערופן די חברה קדישא.

אינמיטן האט דער צובראכענער טאטע רבי אברהם משה איינגעדרימלט, און געזעהן אין חלום זיין רבי׳ן דער אונסדארפער רב, און ער קוקט אויף אים מיט א ברוגז׳דיגן בליק זאגנדיג ״פארוואס האסטו פארגעסן אז היינט איז מיין יארצייט, גיי שנעל קויף ברויט און טייל אויס פאר ארימעלייט פארן זכות פון מיין נשמה, און דיין זון וועט האבן א רפואה שלימה״.

רבי אברהם משה האט זיך אויפגעכאפט און ער האט געטון וואס זיין רבי האט געהייסן, און שלא כדרך הטבע האט זיך זיין זון צוריק געכאפט און געהאט א רפואה שלימה. (יעקב קרויס)

**תתתתקח) עס דערציילט אונזער זיידע**
## הרה״ח ר׳ יחזקאל צבי מענדלאוויטש הי״ו

פאר מיין חתונה בין איך אריינגעגאנגען מיט א קוויטל צו הגה״ק **רבי אלעזר טווערסקי זצוק״ל אדמו״ר מפאלטישאן**, צו נעמען ברכת קדשו פאר מיין חתונה.

אריינקומענדיג בקודש פנימה פרעגט ער מיך ״ביים **סאטמארער רב** (רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע) ביסט שוין געווען?״, זאג איך אים אז יא.

האט ער געזאגט בלשון קדשו ״נא?!...״ ווי איינער זאגט, אויב דער רבי האט שוין געגעבן ברכת קדשו פעלט שוין נישט אויס זיין ברכה. (שלום יוסף מענדלאוויטש, חיים ישעי׳ אשר מענדלאוויטש, אפרים פישל מענדלאוויטש)